# דער צווייטער בריוו פֿון יוחָנָן

א דער זָקן צוּ דער אויסדערוויילטער בעל־הבָּיתטע אוּן אירע
קינדער, וועמען איך האָבֿ באֶמת ליבֿ; אוּן ניט נאָר איך, נייערט
2 אויך אַלע, וואָס קענען דעם אֶמת; פֿאַר דעם אֶמת וועגן, וואָס
פֿאַרבלײַבט אין אוּנדז, אוּן וועט זיין מיט אוּנדז אויף אייביק:
3 חֶסֶד, רַחמים, אוּן שָלום זאָלן זיין מיט אוּנדז פֿוּן גאָט, דעם
פֿאָטער, אוּן פֿוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דעם זוּן פֿוּן דעם פֿאָטער, אין
4 וואָרהאַפֿטיקייט אוּן ליבשאַפֿט. איך פֿריי מיך זייער שטאַרק,
וואָס איך האָבֿ געפֿוּנען עטלעכע פֿוּן דיינע קינדער גיין אין דעם
אֶמת, אַזוי ווי מיר האָבן מקַבל געווען אַ מיצווה פֿוּן דעם פֿאָטער.
5 אוּן איצט בעת איך דיך, בעל־הבָּיתטע, ניט ווי איך וואָלט דיר
געשריבן אַ ניי מיצווה, נייערט דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט
פֿוּן אָנהייבֿ אָן, אַז מיר זאָלן ליבֿ האָבן איינער דעם אַנדערן.
6 אוּן דאָס דאָזיקע איז ליבשאַפֿט, אַז מיר זאָלן לעבן לויט זיינע
מיצוות. דאָס איז די מיצווה, אַזוי ווי איר האָט געהערט פֿוּן
7 אָנהייבֿ אָן, אַז איר זאָלט לעבן דערין. וואָרים אַ סַך פֿאַרפֿירערס
זענען אַרויסגעגאַנגען אין דער וועלט אַריין, וואָס זענען ניט מודה,
אַז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז געקוּמען אין דעם פֿלייש. דאָס איז דער
8 פֿאַרפֿירער אוּן דער קעגנער פֿוּן מָשִיחַן. גיט אַכטוּנג אויף זיך
אַליין, כדי איר זאָלט ניט פֿאַרלירן דאָס, אויף וואָס מיר האָבן זיך
9 געמִיט, נייערט אַז איר זאָלט מקַבל זיין אַ פֿוּלן שׂכַר. ווער סע
גייט ווייטער אוּן פֿאַרבלײַבט ניט אין דער תּוֹרַת־המשיח, האָט
ניט גאָט; ווער סע פֿאַרבלייבט אין דער תּורה, דער דאָזיקער
10 האָט סיי דעם פֿאָטער אוּן סיי דעם זוּן. אויבֿ עמיצער קוּמט
צוּ אייך אוּן ברענגט ניט די דאָזיקע תּורה, זאָלט איר אים ניט
אויפֿנעמען אין אייער הויז, אוּן אים ניט אָפּגעבן קיין שָלום;
11 וואָרים דער, וואָס גיט אים אָפּ שָלום, האָט אַ חֵלֶק אין זיינע בייזע
12 מַעשׂים. הֶיוֹת ווי איך האָבֿ אייך נאָך אַ סַך צוּ שרייבן, וויל איך
עס

עס אָבּער ניט טאָן מיט פּאַפּיר און טינט; נייערט איך האָף צו
קומען צו אייך, און צו רעדן פָּנים־אֶל־פָּנים, כּדי אונדזער שׂמחה
13 זאָל זיין פול. די קינדער פון דיין אויסדערוויילטער שוועסטער
זאָגן דיר שלום־עליכם.